opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 30 גראשען | היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 200 | Łódź, Piątek, 26 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג כ״ד מנחם אב תרצ״ב | № 200

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

דערמיט מאכען מיר בעקאנט אונזער ג׳ קונדשאפט, אז

דינסטאג, דעם 30-טען אויגוסט ד. י. ערעפענען מיר אונזער פאבריקס-לאגער אונטער א נייער לייטונג אויף

## 47 פיעטריקאווער 47

ווייל מיר האבען גענצליך ליקווידירט אונזער אלטען לאגער.

אונזער נייע פיליע איז איצט פערזעהען מיט די נייעסטע סחורות, וואס שטאמען פון דער לעצטער פראדוקציע.

**אויף לאגער געפינען זיך אויסשליסליך די נייעסטע מוסטערן צו די לעצטע נידריגסטע פרייזען.**

מיר בעטען אזוי אונז ווי אויך אונזער נייע לייטונג אויפ׳ן ארט צו שענקען דעם פולען צוטרוי.

## GUSTAW MOLENDA i SYN

**BIELSKO**

**Oddział w Łodzi, Piotrkowska 47.**

6038

גמנסיה בת שמונה מחלקות לנערים

## „בית-אלפא"

**PIOTRKOWSKA 111, (Al. Kościuszki 48)**

**Telefon 176-46.**

די איינשרייבונגען פון נייע שילער קומען שוין פארטעגליך פון 1—10 פארמיטאג און 4—7 נאכמיטאג. די איינטריטס-עקזאמענס אין אלע קלאסען קומען פאר דעם 29, 30, 31, שיערפיען.

דאס גימנאזיום געפינט זיך יעצט אין א נייעם לאקאל, וועלכער ענטשפרעכט פולשטענדיג אלע פאדערונגען פון דער נייעסטער שול-היגיענע און פעדאגאגיק. דער שכר-לימוד בעדייטענד רעדוצירט!

**די דירעקציע**

פ. ס. די פערזענליכע האט בעשטימט צו 4 פרייזע פלעצער אין דער 5 און 6 קלאס פאר פעהיגע און אונבעמיטעלטע שילער.

**Doktór**

## Łagunowski

**Piotrkowska 70**

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

choroby skórne, weneryczne i moczopłciowe

gabinet światło-Roentgeno-leczniczy

Przyjmuje od 8³⁰ do 9½ rano, od 1-ej do 2³⁰ pp od 6 do 8³⁰ w., w niedziele i święta od 9 do 11³⁰ rano.

Oddzielna poczekalnia dla pań.

## Park „JULJANÓW"

שבת, דעם 27-טען אויגוסט ד. י.

3 אזייגער נאכמיטאג קומט פאר

## א סימפאנישער קאנצערט

אונטער דער בעוואוסטער לייטונג פון ה׳ לידוויער.

אויפ׳ן ארט א ביר-האלע, לודקעס, טאנץ זאל א. אז. וו.

דער פארק איז בעלויכטען. איינטריט 30 און 60 גר.

די פערוואלטונג.

6037

7-קל. מענער-שולע z pr. szk. państw. פון

## ש. שולדענרייך

**29 פאלודניאווא 29**

עס גן-ילדים איז די געוואונשענע שולע פאר קינדער, וואס די עלטערען ווילען זיי געבען צוזאמען מיט וועלטליכע בילדונג א שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג און גרינדליכע לעהרע אין תנ״ך, העברעאיש, ווי אויך אין תלמוד.

דאס לעהר-פערסאנאל בעשטעהט פון די בעסטע פעדאגאגישע קרעפטען. אין פארבערייטונגס-קלאס ווערען אנגענומען שילער פון 5 און א האלב יאהר אהן שום קענטניש.

איינשרייבונגען טעגליך אין אלע קלאסען פון 9—2 און פון 4—6 נ״מ

די למודים הייבען זיך אן דאנערשטאג דעם 1-טען וורזשעשען ד. י.

דער פעראיין פאר

## יודישע מיטעלשולען — אין — לאדז

מאכט בעקאנט, אז אנמעלדונגען פון נייע שילער און שילערינס אין די גימנאזיעס פון פעראיין ווערען אנגענומען אין די קאנצעלאריעס:

**פון דער ערשטער מענער-גימנאזיע**

מאגיסטראצקא 21, טעלעפאן 134-11

**פון דער צווייטער מענער-גימנאזיע**

מאגיסטראצקא 22, טעלעפאן 134-12

**פון דער פרויען-גימנאזיע**

פיראמאוויטש 6, טעלעפאן 127-95

אין די אונטערשטע פארברייטונגס - קלאס 0א ביי דער פרויען-גימנאזיע, פיראמאוויטש 6, ווערען אנגענומען קינדער פון ביידע געשלעכטער אין עלטער פון 5 און א האלב יאהר אז.

דער שכר-לימוד אין די נידריגערע קלאסען איז בעדייטענד פערקלענערט געווארען.

## SZKOŁA PRZEMYSŁOWA

Towarzystwa Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów w Łodzi

**Pomorska 46/48, tel. 163-80**

אפטיילונגען: מעכאנישער, עלעקטראטעכנישער און וועבערי.

אנמעלדונגען פון קאנדידאטען אויפ׳ן ערשטען קורס נעהמט אן די קאנצעלאריע פון דער שולע יעדען טאג פון 10 פריה ביז 2 נאכמ. 5068

## וויכטיג פאר שניידערס

איך גיב קורסען פון

## צושניידען

לויט׳ן בעסטען ענגלישען סיסטעם פאר מענער און פרויען און ווי אויך וועש.

יעדער שילער בעקומט ארויס אן אויסלענדישען דיפלאם.

מיט אכטונג

אינסטרוקטאר מ. הערלינג

**שרודמיעסקא 4**

ביי וויצמאן

אינפארמאציעס פון 4 ביז 7 נאכמיטאג.

ספעציעלע קורסען פאר טויב-שטומע.

## פאר גאלד, בריליאנטען, בישוטעריע

און לאמבארד-קוויטעם

צאהלט די העכסטע פרייזען

**איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7**

## ביליגער ווי איבעראל

גוטער **ווײַן** גוטער

צו דעם ביליגסטען פרייז

**פון 65 גר. א פערטעל ליטער**

בעקומט מען ביי דער לאנגיעהריגער בעוו. פירמע

## ע. שיקער

**פולנאצנא 1, טעל. 84-107**

## „יבנה"

**41 צעגעלניאנא 41, טעל. 13-134**

די לייטונג פון דער שולע מעלדעט, אז איינשרייבונגען אין אלע קלאסען, ווי אויך אין דער פרעבעל-שולע ווערען אנגענומען אין דער קאנצעלאריע יעדען טאג פון 10—2 בייטאג און פון 4—6 נאכמיטאג.

4893

## אנאנסן אין נייעם פאלקסבלאט האבן גרעסטען ערפאלג!











אויבען רעכטס: דער לופט-פליהער א־דעט (לינקס) האט ארויסגעראטעוועט דעם געלעהרטען ד״ר זארגע, וועלכער האט זיך געפונען אין שווערע בויט צווישען די אייזבערג פון גרענלאנד

אין דער זייט רעכטס שטאטסעקרעטאר ליבהעלבורג גיט זיך אז אין דימיסיע צוליב די ענדערונגען אין דער דייטשער [illegible] פאליטיק

אין דער זייט לינקס: פראפ. ג׳מבעל פון דער היידעלבערגער אוניווערזיטעט האט געקריגען דימיסיע פאר זיינע צו לינקע איבערצייגונגען

אין אוואל: דער גרויסער ענגלישער פילאזאף לאק, צו זיין 300־שטען געבוירענס־טאג

אונטען איבערמיט: די פראנצויזישע שיף „אערא פאסטאלע 2 אין אונטערגעגאנגען מיט 22 מענשען







אויבען איבערמיט: גיאבע ווינט איבער איהרע קינדער. די בעריהמטע אלטגריכישע סקולפטור, אויף וועמענס נאמען עס איז אנגערופען די שיף „גיאבע“, וועלכע איז נישט לאנג דערטרינקען געווארען

אויבען לינקס: א צוג פון פישער־יום־טוב אין שטעטעל שטראלאו ביי בערלין

אין דער זייט רעכטס: ד״ר פראנץ בראנדל וועט איבערנעהמען די לייטונג פון דער ווינער פאליציי אויפ׳ן ארט פון פערשטארבענעם שאבער

אין דער זייט לינקס: לארד קילסאנט, שעף פון דער שיף־געזעלשאפט ראיאל מאיל איז געהאט פער׳משפט געווארען פאר פעלשען א בילאנס אויף 12 יאהר טורמע, איצט איז ער בעפרייט געווארען פאר זיין גוטער אויפפיהרונג אין תפיסה



דאס „בויהויז“ אין דעסאו, די שולע פון ארכיטעקטור און מאלעריי ווערט געשלאסען





די פייערליכע ערעפנונג פון נייעם פראנצויזישען קאנאל צווישען מעץ און סטראסבורג



אויבן רעכטס: אַ שולע אין דער וויסטע. שרייבן שרייבט מען אין זאַמד



אין דער זייט רעכטס: דער עסטרייכישער קאַנצלער דאָלפוס שטעהט פאַר דער געפאַהר פון דימיסיע, ווייל דער בונדעסראַט וויל נישט ראַטיפיצירן זיין אָפּמאַך וועגן אַ אינטער־נאַציאָנאַלער הלוואה פון עסטרייך

אונטען רעכטס: אין דער געגענד פון דעם טייך עלבע האָט אַ געוואַלדיגער שטורעם אָנגעמאַכט גרויסע פערוויסטונגען. ריזיגע ביימער זענען אַרויס־געריסען געוואָרען מיט די וואָרצלען







אַ נייע וויכטיגע ערפינדונג: אַ רעטונגס־גאַרטעל מיט וועלכע מ׳קאָן זיך אַראָפּלאָזען פון פענסטער אין פאַל פון אַ שרפה



דער אינטערנאַציאָנאַלער לופט־פליה אַרום אייראָפּע. סטאַרט פון די פליהער אויפ׳ן טעמפעלדאָרפער פלאַץ אין בערלין





אויבען לינקס: אַ לויה פון 6 אומגעקומענע פייערלעשער אין ניו־יאָרק



אין דער זייט לינקס: דער אויסטראַליער קראָופאָרד האָט געזיגט אין אינטערנאַציאָנאַלען טעניס־טורניר אין בערלין

אונטען לינקס: די גרויסע ראַדיאָ־אויסשטעלונג אין בערלין, אַ בליק אין איינעם פון די זאַלען



